# דעם רבינ'ס ליכט

דברים תשפ"ב
גליון 104

דער ריינער קוואל



אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכטִיגֶע קִינְדֶער.

מִיר האַלטְן שוֹין מַמָּשׁ בַּיים שְׁוֶועל פוּן דֶער טָאג תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל טְרוֹיעֶרְט אוּן מֶען בֶּענְקְט, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ שׁוֹין מְרַחֵם זַיין אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

וָואס אִיז דֶער בַּאדֵייט פוּנֶעם תַּעֲנִית וָואס מִיר גֵייעֶן פַאסְטְן קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג? אֲפִילוּ אַ אִינְגְל וָואס פַאסְט נִישְׁט עֶסְט מֶען נִישְׁט קֵיין פְלֵיישׁ מֶשֶׁךְ דִי נֵיין טֶעג, אוּן מֶען טוּט נָאךְ אַנְדֶערֶע סִגוּפִים, מֶען טְרִינְקְט נִישְׁט קַיין וַויין, מֶען הֶערְט נִישְׁט קֵיין מוּזִיק, דִי אַלֶע זַאכְן הָאט אַ צִיל, עֶס אִיז נִישְׁט סְתָּם. לָאמִיר זֶען וָואס ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אוֹיף דֶעם (הלכות הרשאה ג').

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אַז דֶער עִיקַר תִּיקוּן פוּנֶעם תַּעֲנִית אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מִשְׁפָּט'ן, זִיךְ אִיבֶּער רֶעכֶענֶען אוֹיב עֶר פִּירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אַמָאלִיגֶע צֵייטְן אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ מִנְהָג אַז אַ טָאג וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּעֲנִית פְלֶעגְט מֶען זָאגְן פַארְן עוֹלָם אַז אַלֶע זָאלְן זִיךְ גוּט אִיבֶּערְקוּקְן אוּן זֶען צוּ מֶען פַארֶרֶעכְט וָואס מֶען הָאט צוּ פַארְרֶעכְטְן וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקַר פוּנֶעם תַּעֲנִית, דֶער חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ.

הַיינְט צוּ טָאג גֵייט דָאס אוֹיךְ אָן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ מִשְׁפָּט'ן אוּן זֶען אוֹיב אִיךְ הָאבּ וָואס צוּ פַארְרֶעכְטְן, בִּפְרָט וֶוען עֶס קוּמְט אַ תַּעֲנִית דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ רִיכְטִיג מִשְׁפָּט'ן, אוֹיב מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אַ אִיד וָואס מִשְׁפָּט זִיךְ, עֶר קוּקְט נָאךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר טוּט, זַיין עֶסְן, זַיין בַּאנֶעמוּנְג מִיט חֲבֵרִים, כִּבּוּד אָב וָאֵם, זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע, בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל צוּ פַארְרֶעכְטְן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער, אִיז עֶר זוֹכֶה דוּרְךְ דֶעם צוּ בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן "כָּל הַמִּתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם, זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ", דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם מֶען קוּקְט זִיךְ אִיבֶּער דִי מַעֲשִׂים, דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אֵיין אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג אִינֶעם חוּרְבָּן - וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (תורה ס"ז תנינא) אַז יֶעדֶער אִיד לְפִי זַיינֶע מַעֲשִׂים הָאט עֶר אַ חֵלֶק אִינֶעם חוּרְבָּן. לוֹיט דֶעם קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען מִשְׁפָּט זִיךְ אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס מֶען הָאט נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעטוּן, הָאט עֶר אַ חֵלֶק אִינֶעם בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס וֶועט בְּקָרוֹב גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן.




דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט גֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן דוּרְךְ מִשְׁפָּט, אַז מִיר וֶועלְן אַרֵיינְקוּקְן אִין אוּנְזֶערֶע

המשך אויף זייט 11

# מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן

*המשך פון פאריגע וואך*

נָאךְ צְווייי גוּטֶע חֲבֵרִים הָאבְּן מִיר גֶעהַאט, וְואס אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ יֶעצְט בְּשַׁעתְ'ן רֶעדְן, אֵיינֶער הָאט גֶעהֵייסְן צָדוֹק מְנַחֵם הי"ד אוּן אֵיינֶער לֵייבְּל גָאלְדְוַואסֶער הי"ד, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען לוּבְּלִינֶ'ער חֲסִידִים. הָא! אַ תַּכְשִׁיט! ס'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען דִי אַלֶע חֲבֵרִים מַיינֶע, אָבֶּער וָואס קֶען מֶען טוּוּ? הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן. עַל כָּל פָּנִים. מֶען דַארְף מֶען כָּאטְשׁ זֶען מֶען זָאל זִיךְ אַלֶעמָאל דֶערְמַאנֶען פוּן זֵיי.

ס'גֶעוֶוען גָאר אַ טֵייעֶרֶער אִיד, ר' יַעֲקֹב הי"ד, גֶעקוּמֶען פוּן מוּנְקַאטְשׁ. נָאךְ אִיז גֶעוֶוען מֹשֶׁה יַעֲקֹב טָאפֶּער הי"ד. ס'גֶעוֶוען אַסַאךְ בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, אַלְס אִיז גֶעוֶוען אַ דַאנְק דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

ר' אַבְרָהָם יִצְחָק, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ נוֹקֵם זַיין אוֹיף זַיין בְּלוּט. עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר טַייעֶרֶע מִדּוֹת טוֹבוֹת, אַ בַּעַל קוֹרֵא אִיז עֶר גֶעוֶוען, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען עֶקְסְטְרֶע הֶערְן זַיין לֵיינֶען.

אִין אוֹסְטְרוֹבְצֶא אִיז גֶעוֶוען אַ מִנְהָג אַז יֶעדְן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג אִין בֵּית מִדְרָשׁ - שַׁבָּת נָאכְן שְׁלָאף - הָאט אֵיינֶער גֶע'דַרְשְׁ'נְט אַ דְּרָשָׁה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז רוֹב מָאל הָאט מֶען אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דֶעם ר' אַבְרָהָם יִצְחָקְ'ן צוּ רֶעדְן. עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן פְרֵייטָאג פַארְנַאכְט, אַז דֶער אוּן דֶער וֶועט רֶעדְן אַ דְרָשָׁה, בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶע'דַרְשְׁ'נְט, אִיז גֶעוֶוען דָאס בֵּית הַמִּדְרָשׁ פוּל, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְפַּאקְן קֵיין נָאדְל אִין שׁוּל...

דִי אַנְדֶערֶע שַׁבָּתִים הָאט גֶעדַרְשְׁ'נְט ר' מֹשֶׁה מֶענְדְל, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט פוּן פַארְשִׁידֶענֶע מַאֲמָרִים, אַנְדֶערְשׁ ווִי ר' אַבְרָהָם יִצְחָק וֶועלְכֶער הָאט גֶערֶעדְט מֶער דֶערְהוֹיבֶּענֶע זַאכְן. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ נָאמֶען לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת. מִיר הָאבְּן זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט וָואס זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט. דִי עֶנְדֶע אִיז גֶעוֶוען אַז ר' אַבְרָהָם יִצְחָק אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן נָאכְדֶעם קֵיין לָאדְזְשׁ פַאר פַּרְנָסָה, אוּן נָאכֶער אִיז עֶר גֶעפָארְן קֵיין וַוארְשָׁא, צוּם סוֹף הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גוֹזֵר גֶעוֶוען דִי גְּזֵרָה אוּן עֶר אִיז אוּמְגֶעקוּמֶען אִין אוֹישְׁווִיץ הי"ד.

עִיקָר שָׁכַחְתִּי, מַיין טֵייעֶרֶער הֵיילִיגֶער בְּרוּדֶער פוּן אוֹסְטְרוֹבְצֶא, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן יִשְׂרָאֵל דָּוִד הי"ד, עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר פַארְקָאכְט אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זַאךְ, מִדּוֹת טוֹבוֹת הָאט עֶר גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְד, אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן אַלֶץ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט.



ר' יצחק ברייטער

עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אַסַאךְ אָרֶעמֶע כַּלּוֹת, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַסַאךְ מוּסָר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶענוּג קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'ער, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אֱמֶת'ער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד. הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען זֶען בִּגְאוּלָה הַשְּׁלֵמָה.

אִין תר"פ אִיז גֶעגְרִינְדֶעט גֶעוָוארְן אִין אוֹסְטְרוֹבְצֶא דִי עֶרְשְׁטֶע יְשִׁיבָה פוּן בְּרֶסְלֶב. דִי יְשִׁיבָה הָאט גֶעהֵייסְן "יְשִׁיבָה הִלְכְתָא כְּנַחֲמֵנִי",

המשך אויף זייט 10



# מיין מעשה'לע

דער באַשעפער באַווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## מִבּוֹר גָלוּת...

אִיךְ הֵייס יַעְנְקִי

וֶוען מַיין טַאטֶע אִיז גֶעפָארְן מִיט מַיין בְּרוּדֶער פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק קַיין אוּמַאן, אִיז עֶר גֶעשְׁלָאפְן אִין בֶּעלֶערוּס אוֹיף דִי גְרָאז, אַזוֹי ווִי נָאךְ הוּנְדֶערְטֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים. אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן הָאט מַיין טַאטֶע גֶעשְׁפִּירְט אַז זַיינֶע פִּיס זִינְקֶען אַיין אִין דֶער עֶרְד!

וֶוער עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן נֶעבְן אַ אָפֶענֶעם גְרוּב... עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע נִסִים אַז מַיין טַאטֶע אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בּוֹר!

## דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען

פַאר מַיין בַּר מִצְוָה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן צוּ עֶנְדִיגְן וָואס מֶער סְפָרִים - נָאךְ פַאר מַיין בַּר-מִצְוָה - פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְתַלְמִידוֹ ר' נָתָן.

דֶעם רָצוֹן הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט פוּן דִי אַכְט יָאר, וֶוען אִיךְ הָאבּ דַאן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן ווַייל דָאס אִיז גֶעוֶוען שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוּן גַאנְץ קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ. דֶעם לִמּוּד הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג אוֹיפְן וֶועג פַארְנְדִיג אִין חֵדֶר אַהִין אוּן צוּרִיק אַ שָׁעָה צַייט. אִיךְ הָאבּ ב"ה זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן נָאךְ סְפָרִים.

מַיין חָבֵר הָאט דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר, הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אַ תְּקוּפָה נָאכְדֶעם הָאבְּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּער אַ נַייעֶס דֶעם סֵדֶר פוּן אַ 'עָמוּד לַיּוֹם' אִינֶעם סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר מַיין טַאטְן אַז אִיךְ הֵייבּ אוֹיךְ אָן מִיטְלֶערְנֶען.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן מַיין טַאטְן אַ נַייעֶם לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז יֶעדְן טָאג וָואס עֶר וֶועט זַיין אִינְדֶערְהֵיים וֶועט עֶר קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט מִיר, אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען פַאר אַ לַאנְגֶע תְּקוּפָה. נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִיז גֶעוָוארְן אַ לָאךְ פוּן צְוָואנְצִיג בְּלַאט, הָאט מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁרַייבְּן דִי בְּלֶעטֶער וָואס עֶס פֶעלְט מִיר אוּן בִּיזְדֶערְווַייל גֵיין ווַייטֶער מִיט אַלֶעמֶען אוּן אַ תְּקוּפָה שְׁפֶּעטֶער וֶועל אִיךְ דָאס אָפְּצָאלְן.

דָאס צֶעטְל וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי צְוָואנְצִיג בְּלַאט אִיז פַארְלוֹירְן גֶעגַאנְגֶען אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדֶענְקְט ווֶעלְכֶע בְּלֶעטֶער דָאס אִיז, אוּן לַיידֶער... הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא אַנְדֶערֶע סְפָרִים.

אִין כִּתָּה ז' הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן לַיידֶער הָאבְּן מִיר חֲבֵרִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט קֶענֶען עֶנְדִיגְן ווַייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע סֵפֶר, אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַ חֹדֶשׁ פַאר מַיין בַּר-מִצְוָה אֱלוּל

המשך אויף זייט 7

# ~ דִי פִּינְקְטְלֶעכֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט




**אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ.** דֶער מֶלֶךְ הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גִיפָּארֶעט מִיט דָאקְטוֹירִים. כְּדֵי זַיין מְלוּכָה זָאל נִיט פַאר פְרֶעמְד וֶוערִין. זֵיי הָאבִּין אִים אָבֶּער נִיט גִיהָאלְפְן.

**הָאט עֶר** גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדְן אַז זֵיי זָאלִין פַאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. הָאבִּין יוּדִין גִיזוּכְט **אַ צַדִיק.** כְּדֵי עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זָאל פּוֹעְלִין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער.

**הָאבְּן זֵיי** גִיזוּכְט אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען **אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק.** אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט.

**הָאבִּין זֵיי** דָאס מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ (בַּאֲשֶׁר אַז סֶע אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטִינֶער צַדִיק נָאר עֶר זָאגְט עֶר וֵויסְט גָאר נִיט) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוֹקַאז נָאךְ אִים.

**הָאט מֶען אִים** גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט אִים אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט גוּטְן. דוּ וֵוייסְט דוּךְ. אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. אִיךְ קָאן טָאן מִיט זֵיי וָואס אִיךְ וִויל. בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיךְ מִיט גוּטִין זַיי מִתְפַּלֵל. אִיךְ זָאל הָאבִּין קִינְדֶער.

**הָאט אִים דֶער צַדִיק** מַבְטִיחַ גִיוֶוען אַז עֶר זָאל הָאבִּין דָאס יָאר אַ קִינְד אוּן אִיז זִיךְ אַהֵיים גִיגַאנְגֶען. **הָאט דִי מַלְכָּה גִיהַאט אֵיין טָאכְטֶער.** אוּן דִי בַּת מַלְכָּה אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פַּארְשׁוֹין.

**אוּן אַז זִי אִיז** אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. הָאט זִי גִיקֶענְט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע לְשׁוֹנוֹת אוּן שְׁפִּילִין אוֹיף כֵּלִים. זֶענֶען גִיפָארִין אַלֶע מְלָכִים פוּן אַלֶע מְדִינוֹת. זִי צוּ זֶעהְן. אוּן סֶע גִיוֶוען אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

**דֶער נָאךְ** הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיוָואלְט. עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן כְּדֵי דִי מְלוּכָה זָאל נִיט אַוֶועק גֵייעֶן צוּ אֵיין פְרֶעמְדְן. הָאט עֶר וִוידֶער גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִין אַז זֵיי זָאלִין מִתְפַּלֵל זַיין אַז עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן.

**הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט** דֶעם עֶרְשְׁטְן **צַדִיק.** אוּן זֵיי הָאבִּין אִים שׁוֹין נִיט גִיפוּנֶען וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין גִישְׁטָארְבִּין. הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גִיזוּכְט.

**הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען. נָאךְ אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק.** אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל גִיבִּין דֶעם מֶלֶךְ אַ זוּן. הָאט עֶר גִיזָאגְט. עֶר וֵויסְט גָאר נִיט. הָאבְּן זֵיי וִוידֶער מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** דֶעם **צַדִיק** אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט: דוּ וֵוייסְט דוּךְ אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. וְכוּ' כַּנַ"ל. הָאט אִים דֶער חָכָם (דְהַיינוּ דֶער

**צַדִיק**) גִיזָאגְט. וֶועסְטוּ אָבֶּער קֶענֶען טוּן וָואס אִיךְ וֶועל דִיר הֵייסְן. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט יוֹא.

**הָאט דֶער חָכָם** צוּ אִים גִיזָאגְט: אִיךְ בַּאדַארְף אַז דוּ זָאלְסְט בְּרֶענְגֶען **אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת** (כְּלוֹמַר דוּמִיט וַוארְג) וָוארִין אִיטְלִיכֶער אֶבֶן טוֹב הָאט אִין זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע סְגוּלָה. אוּן בַּיי דִי מְלָכִים אִיז פַאר הַאנְדְן אַ סֵפֶר וָואס דָארְט אִיז פַארְשְׁרִיבְּן אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט.** אִיךְ וֶועל אוֹיס בְּרֶענְגֶען. מַיין הַאלְבֶּע מְלוּכָה. אַבִּי אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ זוּן אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים גִיבְּרַאכְט אַלִירְלֵיי אֲבָנִים טוֹבוֹת.

**הָאט דֶער חָכָם זֵיי גִינוּמֶען.** אוּן הָאט זֵיי צוּ קְלַאפְּט. אוּן הָאט גִינוּמֶען אַ בֶּעכֶער וַויין. אוּן הָאט זֵיי אַרַיין גִישִׁיט אִין דֶעם וַויין. אוּן עֶר הָאט גִיגֶעבִּין אַ הַאלְבְּן בֶּעכֶער וַויין דֶעם מֶלֶךְ טְרִינְקֶען. אוּן דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט. דֶער מַלְכָּה.

**אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט.** אַז זֵיי וֶועלִין הָאבִּין אַ זוּן. וָואס עֶר וֶועט זַיין דוּרְךְ **פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת אוּן עֶר וֶועט אִין זִיךְ הָאבִּין אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת.** אוּן אִיז אַהֵיים גִיגַאנְגֶען.

**הָאט דִי מַלְכָּה** גִיהַאט **אַ זוּן.** אִיז גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ. נָאר דֶער זוּן **אִיז נִיט גִיוֶוען פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.**

**אַז דֶער זוּן אִיז** אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. אִיז עֶר גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַארְשׁוֹין אוּן אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אִין אַלֶע חָכְמוֹת. אוּן הָאט גִיקֶענְט אַלֶע לְשׁוֹנוֹת. זֶענֶען גִיפָארִין מְלָכִים אִים זֶעהְן.

**אוּן דִי בַּת מַלְכָּה** הָאט גִיזֶעהְן אַז זִי אִיז שׁוֹין נִיט אַזוֹי חָשׁוּב. הָאט זִי זִיךְ אִין אִים מְקַנָא גִיוֶוען. נָאר דָאס אִיז אִיר נְחָמָה גִיוֶוען בַּאֲשֶׁר דֶער **צַדִיק** הָאט גִיזָאגְט. אַז דֶער זוּן וֶועט **זַיין גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.** גוּט אִיז כָאטְשֶׁע וָואס עֶר אִיז נִיט פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.

**אַמָאל הָאט** דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִישְׁנִיצְט הָאלְץ אוּן הָאט זִיךְ אַ שְׁנִיט גִיטָאן אִין פִינְגֶער. אִיז דִי בַּת מַלְכָּה צוּ גִילָאפִין. אִים אַרוּם בִּינְדְן דֶעם פִינְגֶער. הָאט זִי דָארְט דֶערְזֶען **אֵיין אֶבֶן טוֹב.**

**הָאט זִי זִיךְ** אִין אִים זֵייעֶר מְקַנֶא גִיוֶוען. הָאט זִי זִיךְ גִימַאכְט קְרַאנְק. זֶענֶען גִיקוּמֶען כַּמָה דָאקְטוֹירִים. זֵיי הָאבִּין אָבֶּער נִיט גִיקֶענְט אִיר קֵיין רְפוּאָה טָאן.

**הָאט מֶען גִירוּפִין מְכַשְׁפִים.** אִיז דָארְט גִיוֶוען אֵיין מְכַשֵׁף הָאט זִי אִים אוֹיסְגִיזָאגְט דֶעם אֶמֶת. אַז זִי הָאט זִיךְ אַלֵיין גִימַאכְט קְרַאנְק מַחֲמַת דֶעם בְּרוּדֶער כַּנַ"ל אוּן זִי הָאט דֶעם מְכַשֵׁף גִיפְּרֶעגְט אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ. אַז מְזָאל טָאן אַ מֶענְשׁ כִּישׁוּף אַז עֶר זָאל וֶוערִין קְרֶעצִיג. הָאט עֶר גִיזָאגְט יוֹא.

**הָאט זִי צוּם מְכַשֵׁף גִיזָאגְט.** טָאמֶער וֶועט עֶר זִיךְ זוּכִין אֵיין אַנְדֶערְן מְכַשֵׁף וָואס עֶר וֶועט מְבַטֵל זַיין דֶעם כִּישׁוּף אוּן עֶר וֶועט גִיהֵיילְט וֶוערִין.

**הָאט דֶער מְכַשֵּׁף** גִיזָאגְט. אַז מְוֶועט אַרַיין וַוארְפִין דֶעם כִּישּׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין וֶועט מֶען שׁוֹין נִיט קֶענֶען אִים מְבַטֵל זַיין.

**הָאט זִי אַזוֹי גִיטָאן.** אוּן הָאט אַרַיין גִיוָוארְפִין דֶעם כִּישּׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין.

**אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ** זֵייעֶר קְרֶענְצִיג גִיוָוארִין. עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶער נָאז קְרֶעץ אוּן אוֹיף דֶעם פָּנִים אוּן אוֹיף דֶעם אִיבְּרִיקְן גוּף.

**הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ** גִיפָּארִיט מִיט דָאקְטוֹרִים. אוּן מִיט מְכַשְׁפִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים **נִיט גִיהָאלְפְן.**

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדִין אַז זֵיי זָאלִין מִתְפַּלֵל זַיין. הָאבִּין דִי יְהוּדִים גִיזוּכְט דֶעם **צַדִיק** (וָואס עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶוען אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן אַ זוּן כַּנַ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיבְּרַאכְט פַּאר דֶעם מֶלֶךְ.

**אוּן דֶער צַדִיק** פְּלֶעגְט תָּמִיד **מִתְפַּלֵל זַיין פַּאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט צוּ גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ אַז דֶער זוּן זָאל זַיין גָאר **פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת** אוּן סֶע נִיט מְקוּיָם גִיוָוארִין.

**אוּן עֶר הָאט גִיטַעֲנֶעט** צוּם אֵייבֶּערְשְׁטִין הָאבּ אִיךְ דָאס גִיטָאן פוּן מַיין כָּבוֹד וֶועגְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאס מֶער נִיט גִיטָאן נָאר פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגְן. אוּן הַיינְט אִיז נִיט מְקוּיָם גִיוָוארְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט.

**אוּן דֶער צַדִיק** אִיז גִיקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער **צַדִיק** מִתְפַּלֵל גִיוֶוען (דְהַיינוּ אוֹיף דִי קְרֶעץ פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ אַז עֶר זָאל גִיהֵיילְט וֶוערִין) אוּן סֶע הָאט נִיט גִיהָאלְפִין. הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען אַז דָאס אִיז אַ כִּישּׁוּף.

**אוּן דֶער צַדִיק** אִיז הֶעכֶער גִיוֶוען פוּן אַלֶע מְכַשְׁפִים. אִיז גִיקוּמֶען דֶער **צַדִיק** אוּן הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ אַז דָאס אִיז אַ כִּישּׁוּף. אוּן אַז מְהָאט דֶעם כִּישּׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין גִיוָוארְפִין. קֶען דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַנְדֶערְשׁ נִיט גִיהֵיילְט וֶוערִין. סַיידִין אַז מִזָאל אַרַיין וַוארְפִין דֶעם מְכַשֵּׁף וָואס עֶר הָאט גִיטָאן דֶעם כִּישּׁוּף אִין וַואסֶער אַרַיין.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** גִיזָאגְט אִיךְ גִיבּ דִיר אַלֶע מְכַשְׁפִים מִזָאל זֵיי אַרַיין וַוארְפִין אִין וַואסֶער אַרַיין. אַבִּי מַיין זוּן זָאל גִיהֵיילְט וֶוערִין.

**הָאט דִי בַּת מַלְכָּה** מוֹרָא גִיהַאט אוּן אִיז גִילָאפִין צוּם וַואסֶער אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם כִּישּׁוּף פוּן דֶעם וַואסֶער. וָוארִין זִי הָאט גִיוואוּסְט וואוּ דֶער כִּישּׁוּף לִיגְט. אִיז זִי אַרַיין גִיפַאלִין אִין וַואסֶער אַרַיין.

**אִיז גִיוָוארִין** אַ גְרוֹיס גִיפּוּלְדֶער וָואס דִי בַּת מַלְכָּה אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין וַואסֶער אַרַיין.

**אִיז גִיקוּמֶען דֶער צַדִיק** אוּן הָאט גִיזָאגְט אַז **דֶער בֶּן מֶלֶךְ וֶועט שׁוֹין גִיהֵיילְט וֶוערִין.** אִיז עֶר שׁוֹין גִיהֵיילְט גִיוָוארִין אוּן דָאס צָרַעַת אִיז פַארְדַיירְט גִיוָוארְן אוּן סֶע אִיז אַרָאפּ גִיפַאלִין הָאט זִיךְ אָפְּגִישֵׁיילְט גָאר דִי הוֹיט.

**אִיז עֶר גִיוָוארִין גָאר**

**פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת.**

**אוּן הָאט אִין זִיךְ גִיהַאט**

**אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן אַלֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת.**

(וָוארִין אַז דִי הוֹיט הָאט זִיךְ אִים אָפְּגִישֵׁיילְט הָאט מֶען גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז גָאר פוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק הָאט גִיזָאגְט).

# איין מעשה'לע

המשך פון זייט 3

*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

צייט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אִין אוּמַאן, אוֹיפְן וועגְן זֶענֶען מִיר אַרִיבֶּער גֶעפָארְן צוּם צִיּוּן פוּן ר' נָתָן און דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת!

אַזוֹי אוֹיךְ בִּין אִיךְ ב"ה אַדוּרְך נָאךְ פוּן אַלְס קְלֵיין קִינְד אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, חוּץ פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אַלֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן מִיט ר' נָתָן און דָאס אִיז אַלְס גֶעוֶוען נָאר בִּזְכוּת דִי תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט.

ב"ה יֶעצְט גֵיי אִיךְ עֶנְדִיגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן און אַ דְרִיטְל לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, אַשְׁרֵינוּ, טַייעֶרֶע חֲבֵרִים וֶוער כַאפְּט זִיךְ מִיט אוֹיפְן וָואגְן?!

**גֶעוַואלְדִיג! נִישְׁט צוּם גְלֵייבְּן ווִי אַ בְּרֶסְלֶבֶער קֶען אָנְקוּמֶען מִיטְן כֹּחַ הָרָצוֹן. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ! דֶער עִיקָר אִיז דִי הַתְחָלָה, פְּרִישׁ אָנְהֵייבְּן!!**

## אַ צֶענְטֶער צוּם מִנְיָן, אַ צֶענְטֶער!!

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף אַ מִנְיָן, עֶס הָאט גֶעפֶעלְט אַ צֶענְטֶער צוּם מִנְיָן, און אַ לֵוִי צוּ עוֹלֶה זַיין לְתוֹרָה.

אִינְדְרוֹיסְן אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער - אַ לֵוִי, דֶער לֵוִי הָאט לַיידֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער הָאט דֶער לֵוִי גֶעזָאגְט פַאר דֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט אִים אַרַיינְגֶערוּפְן צוּ מִנְיָן: "גֵיי זָאג פַאר רֶבִּי נַפְתָּלִי'ן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט מִיר צוּזָאגְן אַ קִינְד וֶועל אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען דַאוֶונֶען און אִיךְ וֶועל זַיין אַ צֶענְטֶער!"

הָאט אִים ר' נַפְתָּלִי צוּגֶעזָאגְט אַ קִינְד! עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, עֶר הָאט דָאךְ גֶעמוּזְט הָאבְּן אַ מִנְיָן, הָאט עֶר אִים צוּגֶעזָאגְט אַ קִינְד, שׁוֹין.

סְ'אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיקְל צַייט, און דֶער אִיד הָאט בָּאקְבִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי חַיִּים סְטָאלֶער: "רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט מִיר דָאךְ צוּגֶעזָאגְט אַ קִינְד, פַארְוָואס וֶוערְט עֶס נִישְׁט מְקֻיָּם"?

הָאט ר' חַיִּים זִיךְ גֶעוָוענְדְן צוּ רֶבִּי נַפְתָּלִי און אִים אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דֶעם פַארְלַאנְג פוּן דֶעם אִיד, אַז עֶר וַוארְט אוֹיפְן צוּזָאג.

עֶנְטְפֶערְט רֶבִּי נַפְתָּלִי אַזוֹי: "מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל פוּנֶעם רֶבִּי'ן - אַז מִיר זָאלְן הַאלְטְן פַארְמַאכְט דָאס מוֹיל, מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן! נָאר אַז מִיר זָאגְן - וֶוערְט מְקֻיָּם"!

דָאס מֵיינְט אַזוֹי אַז מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל פוּנֶעם רֶבִּי'ן - מִיר זָאלְן נִישְׁט וַוארְפְן זִיךְ מִיט בְּרָכוֹת - דָאס מוֹיל דַארְף מֶען הַאלְטְן פַארְמַאכְט! אָבֶּער אוֹיבּ מִיר זָאגְן שׁוֹין יָא צוּ פַאר אֵיינֶעם? וֶוערְט דָאס מְקֻיָּם"! דֶער עִיקָר אִיז אַז דֶער אִיד הָאט גֶעהַאט קִינְדֶער!



# אַ בְּרֶסְלֶבֶּ'ע דְרוּקן!!



הָאסְטוּ אֶפְשָׁר אַמָאל גֶעהֶערְט אַזַא וָוארְט ווִי אֵיינֶער זָאגְט פַאר אַ אִינְגְל: "אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ 'בָּחוּר הַזֶעצֶער'?!"

וָואס מֵיינְט דָאס אַ בָּחוּר הַזֶעצֶער, וָואס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט טוּן אוּן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע גְרַייזְן, אִין דִי לֶעצְטֶע וָואכְן הָאט מֶען שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן פוּן דֶעם אַבִּיסְל, מִיר וֶועלְן דָאס אַבִּיסְל מַסְבִּיר זַיין.

דֶער בָּחוּר הַזֶעצֶער הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיפְן פָארֶעם-בְּרֶעט פַארְקֶערְטֶע גָאר קְלֵיינֶע אוֹתִיּוֹת פוּן אַ גַאנְצְן עָמוּד פוּן אַ סֵפֶר. יֶעצְט וֶוען דֶער עָמוּד אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט הָאט מֶען דָאס אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט אוֹיף אַ בְּלַאט אוּן דֶערְנָאךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט אוֹיף נָאךְ אַ בְּלַאט. אַז אַסַאךְ מָאל הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט דִי אוֹתִיּוֹת אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּנֶעם זֶעץ וָואס דֶער פְּרֶעס הָאט גֶעפְּרֶעסְט דִי אוֹתִיּוֹת.

אוּן וֶוען דֶער בָּחוּר הַזֶעצֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם עֶרְשְׁטְן בְּלַאט אִיז עֶר אַרִיבֶּער צוּם צְוֵוייטְן בְּלַאט. נָאכְאַמָאל אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דִי אוֹתִיּוֹת פַארְקֶערְט אוּן ווִידֶער אָפְּגֶעפְּרֶעסְט עֶטְלִיכֶע בְּלֶעטֶער. אוּן אוֹיבּ דֶער בָּחוּר הַזֶעצֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת מִיט אַן אוֹת אָדֶער עֶר הָאט פַארְגֶעסְן אֵיין וָוארְט אִיז דֶער סֵפֶר גֶעוֶוען גְרַייזִיג. אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט גוּט אַרָאפְּגֶעדְרוּקְט דֶעם בְּרֶעט אִיז דֶער סֵפֶר גֶעוֶוען אוּמְקְלָאר צוּ לֵיינֶען. יֶעצְט פַארְשְׁטֵייט אִיר שׁוֹין קִינְדֶער פַארְוָואס רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְלָאזְן אוֹיף אַנְדֶערֶע מִיט דֶער אַרְבֶּעט? עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶרְלוֹיבְּן אַז דֶער רֶבִּינְ'ס סְפָרִים זָאלְן זַיין גְרַייזִיג. יֶעדֶעס אוֹת אוּן יֶעדֶעס וָוארְט אִיז גֶעשְׁרִיבְּן מִיט הוֹיכֶע כַּוָּנוֹת אוּן אַ גְרַייז אִיז אַ גְרַייז...

לָאמִיר נִישְׁט אַזוֹי אָפְּלַאכְן דֶעם בָּחוּר הַזֶעצֶער, וַוייל סְ'אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַסַאךְ גְרוֹיסֶע אִידְן וָואס הָאבְּן אַלֵיינְס גֶעטוּן דֶער אַרְבֶּעט פוּן 'זֶעצְן', לְמָשָׁל ר' נָתָן אִין אַ בְּרִיוו שְׁרַייבְּט וֶוער עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן אִים צוּגֶעהָאלְפְן אִין זַיין דְרוּק ...רַבִּי מֶענְדִיל אוּן רַבִּי חַיִּים נָחוּם דֶער אִינְגֶער יִצְחָק יְהוֹשֻׁעַ אוּן אוֹיךְ מַיין זוּן מוֹרֵנוּ הָרַב שַׁכְנָא נֵרוֹ יָאִיר הֶעלְפְן אַסַאךְ אַרוֹיס אָבֶער נִישְׁט בִּקְבִיעוּת דֶערִיבֶּער נֶעמְט דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר פַאמֶעלִיךְ... דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין יָאר תקפ"ד אָבֶער מִיר הַאלְטְן יֶעצְט אַפָּאר יָאר פְרִיעֶר.

יֶעצְט לָאמִיר אַבִּיסְל זֶען וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט מִיט ר' נָתָן, זַיינֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דִי דְרוּק.

אִין יָאר תקע"ט הָאבְּן דִי קְרִיגֶערַייעֶן אוּן רְדִיפוֹת זִיךְ זֵייעֶר פַארְמֶערְט אוֹיף ר' נָתָן, ווִי אוֹיךְ דָאס גֶעלְט וָואס עֶר הָאט צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן דִי חֲבֵרִים אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער דְרוּקֶערַיי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן פוּלְן אַרְבֶּעט, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט דְרוּקְן יֶענֶעם יָאר.

דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יָאר תק"פ הָאט ר' נָתָן גָאר אַסַאךְ גֶעטְרַאכְט אוּן פְּלַאנִירְט פַארְשִׁידֶענֶע פְּלֶענֶער ווִיאַזוֹי אָנְצוּפַאנְגֶען דְרוּקְן פוּנְדָאסְנֵיי אָבֶער עֶר הָאט לַיידֶער דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְפִירְן, דִי אַלֶע גֶעצֵייג כְּדֵי צוּ קֶענֶען דְרוּקְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי ר' נָתָן אִין שְׁטוּבּ פַארְ'יָתוֹמְ'ט, דִי טִינְט, אוֹתִיּוֹת, פַּאפִּיר. אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דְרוּקְן צוּלִיבּ דִי מְנִיעָה

פוּן גֶעלְט אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע גָאר שְׁטַארְקֶע אָפְּהַאלְטוּנְגֶען, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גְרוֹיס חֶסֶד הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף ר׳ נָתָן אוּן אִים גֶעגֶעבְּן שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן אוֹיף זַיין רָצוֹן, אוּן ר׳ נָתָן הָאט וַוייטֶער גֶעגְלוּסְט אוּן גֶעבֶּענְקְט מֶער אוּן מֶער אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז דָאס יָאר תק״פ שׁוֹין אַרִיבֶּער אוּן ר׳ נָתָן הָאט נָאכְנִישְׁט צוּרִיקְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם דְרוּקֶערַיי.

לֵיינְט וַוייטֶער אי״ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

## די פינעפטע מעשה - דער בן מלך פון אבנים טובות

**א.** **וואס האט דער מלך גוזר געווען אויף די אידן?**
❑ אז זיי זאלן ברענגען א צדיק וואס זאל פאר אים דאווענען
❑ אז זיי זאלן אים ברענגען א חכם וואס זאל פאר אים דאווענען
❑ אז זיי זאלן פאר אים דאווענען

**ב.** **וויאזוי רופט דער רבי ווען די אידן האבן געבעטן צו דאווענען?**
❑ א חכם
❑ א באהאלטענער צדיק
❑ א בעל שם

**ג.** **וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן געבעטן צו דאווענען?**
❑ אז ער וועט דאווענען
❑ אז דער מלך וועט האבן קינדער
❑ ער ווייסט גארנישט

**ד.** **וואס האט ער געענטפערט ווען דער מלך האט אים געבעטן צו דאווענען?**
❑ אז ער וועט האבן דאס יאר א קינד
❑ אז ער וועט האבן דאס יאר א זון
❑ אז ער וועט האבן דאס יאר א טאכטער

**ה.** **וואס האט די מלכה דעמאלט געבוירן?**
❑ א זון
❑ א טאכטער
❑ א זון און א טאכטער

**ו.** **וואס האט די בת מלכה געקענט ווען זי איז געווען פיר יאר?**
❑ אלע חכמות
❑ שפילן אויף כלים
❑ אלע חכמות און אלע לשונות און שפילן אויף כלים

**ז.** **וואס האט דער מלך נאכדעם גוזר געווען אויף די אידן?**
❑ אז זיי זאלן ברענגען א צדיק וואס זאל אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון
❑ אז זיי זאלן אים ברענגען א חכם וואס זאל אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון
❑ אז זיי זאלן אויף אים דאווענען ער זאל האבן א זון

**ח.** **וואס איז געווען מיט דעם צדיק וואס זיי האבן פריער געטראפן?**
❑ ער האט זיך באהאלטן און מ'האט אים נישט געקענט טרעפן
❑ ער איז נפטר געווארן
❑ ער איז געווען קראנק

**ט.** **שאלת זכות: וויאזוי רופט דער רבי בהמשך די מעשה דעם וואס זיי האבן די צווייטע מאל געבעטן צו מתפלל זיין?**
❑ א באהאלטענער צדיק, א צדיק, א חכם
❑ א באהאלטענער צדיק, א בעל שם, א חכם
❑ א באהאלטענער צדיק, א צדיק

**י.** **וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן געבעטן צו דאווענען?**
❑ אז ער וועט דאווענען
❑ אז דער מלך וועט האבן א זון
❑ ער ווייסט גארנישט

**יא.** **וואס האט דער חכם געזאגט פאר דעם מלך?**
❑ אז ער זאל ברענגען אלע אבנים טובות
❑ אז ער זאל ברענגען א אבן טובה
❑ אז ער זאל ברענגען פערל שטיינער

**יב.** **וואס זאגט דער חכם? וואס וועט זיין מיט זייער זון וואס זיי וועלן געבוירן?**
❑ ער וועט זיין פון אבנים טובות
❑ ער וועט האבן אין זיך אלע סגולות פון אלע אבנים טובות
❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג.** **וואס איז דער בן המלך געווען ביי די פיר יאר?**
❑ פון אבנים טובות
❑ ער האט געקענט אלע לשונות
❑ א גרויסער חכם אין אלע חכמות, און געקענט אלע שפראכן

**יד.** **וואס האט די בת מלכה געזען ווען זי האט אים ארום געבונדן?**
❑ א אבן טוב
❑ א פערל שטיין
❑ אבנים טובות

**טו.** **וואס איז געשען צו דעם בן מלך דורך די כישוף?**
❑ זייער קרעציג
❑ זייער קראנק
❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז.** **וואס האט דער צדיק מודיע געווען פאר דעם מלך?**
❑ אז זיין זון וועט שטענדיג אזוי זיין
❑ אז זיין זון וועט ווערן אויסגעהיילט
❑ אז עס איז א כישוף

**יז.** **וואס האט דער צדיק מודיע געווען נאכדעם וואס זי איז אריינגעפאלן אין וואסער?**
❑ אז דער בן מלך וועט שטענדיג אזוי זיין
❑ אז מ'האט די כישוף אריינגעווארפן אין וואסער
❑ אז דער בן מלך וועט ווערן אויסגעהיילט

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72
646-518-1095 1-518-329-9149

המשך פון זייט 2

אַזוֹי הָאט מֶען אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה. דֶער גְרִינְדֶער פוּן דִי יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען טַאקֶע דֶער ר' אַבְרָהָם יִצְחָק, אוּן ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער אוּן ר' אַהֲרֹן לֵייבּ צִיגְלְמַאן אוּן ר מֹשֶׁה אַהֲרֹן צִיטְרִינְבּוֹים פוּן רַאדָאמְסְק אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען ר' מֹשֶׁה רָאטֶענְבֶּערג, [אַ בְּרוּדֶער פוּן ר' יִצְחָק מֶענְדְל פוּן דֶער אִיסְט סַייד, נְיוּ יָארְק] דֶער מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, מְ'הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר קֶען אַלֶע קְצוֹת'ן אוֹיף אוֹיסְעֶווייניג!

סְ'אִיז גֶעקוּמֶען אַסַאךְ בָּחוּרִים פוּן לָאדְזְשׁ, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, אוּן פְּרֶעמְדֶע. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן דִי שְׁוֶוערֶע הוֹצָאוֹת מֶען אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט. דֶער אוֹסְטְרוֹבְצֶא רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אָפְּדְרוּקְן קַבָּלָה בִּיכְלֶעך, מִיטְן לָאגָא פוּן "הִלְכְתָא כְּנַחְמֵנִי, תַּחַת הַשְׁגָּחַת מוֹרֵנוּ מֵאוֹסְטְרוֹבְצֶא", שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶס בָּטֵל גֶעוָוארְן. אַ שָׁאד אַז סְ'אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קַיין בִּיכְל, אַ קַבָּלָה אַז מֶען זָאל קֶענֶען וַוייזְן, ווייל לֵיידֶער אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מִתְנַגְדִים, אֶפְשָׁר אִיז נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ דָא, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אָבֶּער זֵיי קֶענֶען דָאס נִישְׁט גְלֵייבְּן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ קֶען זֵיי דָאס נִישְׁט אוֹיפְוַוייזְן! אָבֶּער אִיךְ גֶעדֶענְק עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דִי הַאנְט, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעשַׁאפְּט גֶעלְט אוּן גֶעקְרִיגְן אַ בְּרָכָה אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר פוּן בְּעֶרֶךְ זִיבֶּעצְן-אַכְצְן יָאר.

דֶער מַשְׁגִיחַ כְּלָלִי אִיז גֶעוֶוען ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער הי"ד. אִין יֶענֶע צַייט הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן אִים נַייעֶ דִיבּוּרִים, פְּלַאקֶערְדִיגֶע דִיבּוּרִים וְויאַזוֹי עֶר הָאט פָּארְגֶעלֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אוּן נָאךְ סְפָרִים אוּן שִׂיחוֹת.

אִיךְ גֶעדֶענְק אֵייניגֶע פוּן דִי ווִינְטֶער פָּרָשִׁיּוֹת, ווֶוען מֶען הָאט אָנְהֵייבּ וָואךְ, זוּנְטָאג נָאךְ מַעֲרִיב אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה, אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אִים אַפָּאר שָׁעָה, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט דִי סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דִי פַּרְשָׁה.

דֶער כּוֹחַ הַדִּבּוּר פוּן ר' יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק, מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעוַוארְט אַ גַאנְצְן טָאג פַאר דֶער נַאכְט שִׁיעוּר צוּ קוּמֶען הֶערְן פוּן אִים דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים - רֵייד פוּנֶעם רֵיינֶעם קְוַואל דֶער נַחַל נוֹבֵעַ. עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט מִיר, אִיךְ בִּין דַאן גֶעוֶוען אַ אִינְגֶער בָּחוּרְ'ל, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אִין וַואלְד מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, קַיין סַאךְ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִיאַזוֹי מֶען רֶעדְט, וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט ווִי עֶר רֶעדְט דִי ווֶערְטֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!"** אוּן עֶר ווִינְקְט מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אַבִּיסְל דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִים.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין אוֹסְטְרוֹבְצֶא. פוּן דָארְט אַרוּם אוּן אַרוּם, אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען קִבּוּצִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קִבּוּץ אִין אַפְּטָא, אִין דֶער שְׁטָאט וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹר לַשָּׁמַיִם, אוּן דֶער אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל זי"ע דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ קִבּוּץ. גָאר אַ שֵׁיינֶע חֶבְרָה גֶעוֶוען.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ שְׁטֶעטְל דֶערְנֶעבְּן, דָארְט וואוּ דֶער פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ אִיז גֶעוֶוען אַ רָב, דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען מַיין שְׁוָואגֶער - אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר' אֵלִיָּהוּ הַלֵּוִי רוּבִּינְשְׁטֵיין, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלָמֶה'לֶע, צְבִי אַבָּא, אוּן נָאךְ.

די אנדערע וואך בעז"ה דער קיבוץ

"ראש השנה אין לובלין"

מַעֲשִׂים און זֶען וָואס מִיר קֶענֶען פַארֶערְכְטְן, אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט אוֹיס סוֹף פוּן דִי הַפְטוֹרָה חֲזוֹן "צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה וְשָׁבֶיהָ בִּצְדָקָה (יְשַׁעְיָהוּ א, כז) צִיּוֹן וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוען מִיר וֶועלְן זִיךְ מִשְׁפֶּט'ן און גֶעבְן אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף דִי מַעֲשִׂים.

אַסַאךְ מָאל ווייל זִיךְ אַ מֶענְטְש נֶעמֶען און דִי הֶענְט, עֶר מִשְׁפָּט זִיךְ און עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַ גֶעווִיסֶע סִגוּף, צוּם בַּיישְׁפִּיל עֶר גִיבְּט אַוֶועק אִין דִי טֶעג עֶפֶּעס אַ גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע עֶסְן וָואס עֶר הָאט לִיב פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אָדֶער עֶסְט עֶר יָא דִי גוּטֶע זַאךְ אָבֶער עֶר מַאכְט דִי בְּרָכָה מִיט מֶער כַּוָּונָה און בֶּענְטְשְׁט אִינֶעוֵוייניג פוּן אַ סִדוּר גֶעשְׁמַאק.

זָאגְט ר' נָתָן אַז דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מְבַטֵּל פוּן זִיךְ טוֹיזְנְטֶער און צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער קַטְרוּגִים און דִּינִים פוּן בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה, ווייל אַז מִיר מַאכְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט הִתְבּוֹדְדוּת און מֶען מִשְׁפָּט זִיךְ אוֹיף דִי מַעֲשִׂים, מֶען בַּאנֵייט זִיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פוּן דָאסְנֵיי, זָאגְן חֲזַ"ל אוֹיף דֶעם "אִם יֵשׁ דִּין לְמַטָּה אֵין דִּין לְמַעְלָה" אוֹיבּ מִיר מִשְׁפֶּט'ן זִיךְ אַלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט אוֹיבְן אִין הִימְל בָּטֵל דִי מִשְׁפָּט אוֹיף אוּנְז, דֶער מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין ווייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ מִשְׁפָּט דָא אוּנְטְן דוּרְךְ דֶעם מֶענְטְש אַלֵיין.

דִי עֵצָה פוּן מִשְׁפָּט אִיז גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה, ווייל לְפִי דֶעם אֱמֶת אִיז דֶער מֶענְטְש נָאךְ זֵייעֶר ווייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער און לִכְאוֹרָה קוּמְט אִים זֵייעֶר הַארְבֶּע שְׁטְרָאפְן ווייל יֶעדֶע קְלֵיינֶע מַחֲשָׁבָה און דִּבּוּר וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן נִישְׁט וִוי מֶען דַארְף, עַל פִּי פְּשַׁט וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְש וֶועט אַ גַאנְצְן לֶעבְן טוּן אַלֶע סָארְטְן סִגּוּפִים און תַּעֲנִיּוֹת קֶען מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אֲפִילוּ נָאר אוֹיף אֵיין שְׁלֶעכְטֶע הִרְהוּר וָואס מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט, אָבֶער מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אַז דֶער מֶענְטְש טוּט זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפֶּט'ן, עֶר וַוארְט נִישְׁט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים שִׁיקְן פוּן אוֹיבְן דִּינִים און דֶערְמַאנוּנְגֶען עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט עֶר דוּרְךְ דִי עֵצָה אַלֵיין מְבַטֵּל זַיין פוּן זִיךְ אַלֶע דִּינִים.

הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זי"ע הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר, אַז יֶעדֶע נַאכְט קוּמְט אַרוֹיף דִי נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אוֹיבְן אִין הִימְל - אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן אַז פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן דַארְף מֶען גִיבְּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף דִי מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מֶשֶׁךְ דֶעם טָאג און דֶער מֶענְטְש דַארְף אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז אַלֶעס אִיז רִיכְטִיג.

זָאגְט ר' לֵוִי יִצְחָק אַז נָאךְ הוּנְדֶערְט און צְוָואנְצִיג וֶוען דֶער מֶענְטְש קוּמְט אַרוֹיף גֶעבְּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע יָארְן, אִיז דִי טֶעג וָואס דֶער מֶענְטְש הָאט גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת וֶועט מֶען אִיבֶּערְמִישְׁן דֶעם טָאג און נִישְׁט אַרֵיינְקוּקְן דָארְט ווייל דֶער מֶענְטְש הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶע'מִשְׁפָּט אַלֵיין, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן! דַארְף עֶר מֶער נִישְׁט גֶעבְּן אַ מִשְׁפָּט אוֹיף דֶעם טָאג!

אִין תּוֹרָה רנ"ט זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז וֶוען אַ מֶענְטְש מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת און עֶר גִיסְט זִיךְ אוֹיס זַיין צַעַר פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ און עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע פְּגָמִים קוּמְט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אַלֵיין כִּבְיָכוֹל פַארְצֵיילְט אוֹיךְ פַאר דֶעם מֶענְטְש אִיר צַעַר וָואס זִי הָאט, און זִי טְרֵייסְט דֶעם מֶענְטְש און זָאגְט אִים וִויאַזוֹי צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע פְּגָמִים.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי טֶעג זָאלְן וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה און מֶען זָאל קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים און זוֹכֶה זַיין צוּ נֶחָמַת צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם נָאךְ הַיי יָאר אָמֵן וְאָמֵן.

# "אײַן קְרֶעכְץ"

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי טַייעֶרְקַייט פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָה טוֹבָה. אַסַאךְ מָאל קֶען אַ אִינְגְל טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'וָואס אִיז שׁוֹין וֶוערְט מַיין קְלֵיינִיגְקַייט וָואס אִיךְ טוּ צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ?!'

אָבֶּער דִי אַלֶע סָארְטְן מַחֲשָׁבוֹת קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר וֵוייסְט דָאךְ יָא וִויפִיל יֶעדֶע קְלֵיינֶע קְרֶעכְץ אוּן יֶעדֶע בֶּענְק טוּט אוֹיף צוּ מְקָרֵב זַיין דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶערְפַאר וִויל עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת דָאס צוּרִיקְהַאלְטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אוֹיס אַ סוֹד אִין תּוֹרָה רֶמֶ"ז אַז קִינוֹ"ת אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן תִּיקוּ"ן – דָאס אִיז אוּנְז צוּ מְרַמֵּז זַיין אַז דַּוְקָא פוּן אוּנְזֶער קִינוֹת וֶועט ווערְן אַ תִּיקוּן. אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער אַיינְצוּזִיצְן אוֹיף דִי קְלֵיינֶע בֶּענְקֶעלֶעך אוּן דִי טוּנְקֶעלֶע שׁוּל אוּן זָאגְן דִי קִינוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער דֶערְמַאנֶען אַז פוּן יֶעדֶע בִּיסֶעלֶע קִינוֹת גֵייט דִי וֶועלְט ווערְן פַארְרָאכְטְן עֶס גֵייט וֶוערְן אַ תִּיקוּן הַשָּׁלוֹם אוּן יֶעצְט קֶען אִיךְ נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דֶעם אוּן פְּרוּבִּירְן אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי וֶוערְטֶער אַבִּיסְל הַארְץ אוּן גֶעפִיל, אַ קְרֶעכְץ, כְּסוּפִין צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (תּוֹרָה ב') "כַּד חַם גַּבֵּיהּ אִתְהַפֵּךְ" וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אַלֶע תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועט וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דוּרְךְ יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע תְּפִלָּה פוּן אַלֶע דוֹרוֹת!

"קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע! אַ קוֹל אִיז אוֹיבְן גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן – אַ בִּיטֶערֶע גֶעוֵויין, רָחֵל וֵויינְט אוֹיף אִירֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט טְרֵייסְטְן אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דָא.

אוֹיף דִי אַלֶע קְלָאג אִיךְ , מַיינֶע אוֹיגְן לָאזְן רִירְן וַואסֶער [טְרֶערְן] וַוייל דֶער טְרֵייסְטֶער וָואס בַּארוּאִיגְט מַיין זֶעל אִיז וַוייט פוּן מִיר. מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען פַארְוִויסְט וַוייל דֶער פַיינְט הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט".

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לֶערְן מִיר וִויאַזוֹי צוּ מְסַדֵּר זַיין אַ בִּיטֶערֶע קְלָאג אוֹיף אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער בְּרָאךְ וָואס מִיר זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ אוּנְזֶער פַארְקְרִימְטֶע הַארְץ, עֶס זֶענֶען אַוֶועקְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן אוּנְז אַלֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן פוּן אוּנְזֶער אוֹיגְן, דִי שְׁטַארְקֶע גְּאוֹנִים, דִי קְרוֹינֶען פוּן אוּנְזֶערֶע קֶעפּ, אוּנְזֶער שֵׁיינְקַייט, אוּנְזֶער לוֹיטֶערְקַייט, אוּנְזֶער לֶעבְּן, דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן אוּנְזֶער נֶפֶשׁ, רוּחַ, נְשָׁמָה, דָאס זֶענֶען אוּנְזֶערֶע רֶבִּי'ס, אוּנְזֶער לִיכְטִיגְקַייטְן, אוּנְזֶער גְרוֹיסְקַייט אוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגְקַייט, אוּנְזֶער הָאפֶענוּנְג, אוּנְזֶער תַּכְלִית, אוּנְזֶער טְרֵייסְטֶער אוּן פְרֵייד, אוּנְזֶער תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבִּיגֶער רוּ אוּן אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט צוּ קְרֶעכְצְן, אוֹי מֶה הָיָה לָנוּ, וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּ אוּנְז?! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם – דֶער אֱמֶת'ֶער דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער פָאטֶער, דוּ וֵוייסְט אַז אוּנְזֶער גַאנְצֶער חִיּוּת אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי צַדִּיקִים, אוּנְזֶערֶע רֶבִּי'ס זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, מִיר מוּזְן מִיט זֵיי כְּסֵדֶר רֶעדְן אוּן בַּאקוּמֶען פוּן זֵיי הֵיילִיגֶע נַייעֶ דִיבּוּרִים, מִיר דַארְפְן זֵיי זֶען אוּן וָואס אִיז יֶעצְט גֶעשֶׁען??

...רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס אִיז גֶעוֶוען! לֶערְן אוּנְז אוֹיס אוּן וֵוייז אוּנְז וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ בֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ יֶעצְט קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין זֵייעֶר מֶעכְטִיגֶע קְדוּשָּׁה אוֹיף מִיר דוּרְךְ זֵייעֶר הֵיילִיגֶער רְשִׁימוּ וָואס זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דוּרְךְ זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן זֵייעֶרֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים. וַוייל אוֹיךְ יֶעצְט גֶעפִינֶען זֵיי זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר אוּן אִין נָאךְ הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז דֶער עִיקָר גַאנְצְקֵייט פוּן דִי נְשָׁמָה אִיז אַז וֶוען זִי גֵייט אַרוֹיף גָאר הוֹיךְ זָאל זִי אוֹיךְ זַיין דָא גָאר נִידְרִיג אוּנְז צוּ אוֹיפְוֶועקְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין אוּן אוֹיפְלֶעבְּן אַלֶע נְפָשׁוֹת אֲפִילוּ דִי וֶועלְכֶע לִיגְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית אִינֶעם טִיפְן אָפְּגְרִינְד אוּן נָאךְ נִידְרִיגֶער פוּן דֶעם, זֵיי אוֹיפְצוּלֶעבְּן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ בְּשׁוּם אוֹפֶן אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל אוֹיף דֶער וֶועלְט. (קליין חלק פון תפלה ל"ג חלק שני)